Line (לאַיין) אַ ליניע; אַ ציילע, אַ שורה; אַ פעדז; אַ רייהע, אַ ראַנג; אַ גרענעץ; אַ פאַך; דער עקוואַטאָר [דיא ליניע וועלכע צוטהיילט דיא ערד אויף צוויי גלייכע טהיילען צווישען נאָרד און זיד]; דיא ליניע [אַזאַ מאָס —אַ 12טעל טהייל פון אַ צאָל]; אַ שטריק; אונטערפוטערן, געבען אונטערשלאַג; בעזעצען, בעלעגען.
Lineage (לי׳ניאיידזש) דיא אָבשטאַמונג.
Lineament (לי׳ניעמענט) אַ געזיכטס צוג.
Linen (לי׳נען) ליגען, לייוועגד; וועש; אַ ליי=נענער, אַ לייוועגדענער.
Linen-cloth (לי׳נען=קלאָטה) לייוועגד.
Linen-press (לי׳נען=פּרעס) אַ וועש=שראַנק.
Linen-yarn (לי׳נען=יאַרן) ליינען=גאַרן.
Liner (לאַיי׳נער) פּאַקעט=שיף, פּאָסט=שיף.
Linger (לינ׳גער) צעגערן, אָבלעגען.
Lingeringly (לינ׳געריגגלי) צעגערנד.
Lingo (לינ׳גאָו) אַ זשאַרגאָן שפּראַך.
Linguist (לינ׳גוויסט) אַ שפּראַכ=קענער.
Liniment (לי׳נימענט) אַ פליסיגע זאַלב.
Lining (לאַיי׳נינג) פוטער, אונטערשלאַג.
Link (לינק) אַ גליעד, אַ רינג; אַ באַנד, אַ קייט; אַ פאַקעל; פערבינדען, פערקייטען.
Linseed (לינ׳סי-ד) לינזוימען.
Linseed-oil (לינ׳סי-ד=אָיל) ליינ=אייל.
Linspin (לינ׳ספּין) ז. **Linchpin**.
Lint (לינט) פלאַקס; קאָרפּיע.
Lintel (לינ׳טעל) פּריטשאָלאָק [דער אויבער=סטער טהייל פון אַ טהיר אָדער אַ פענסטער].
Lint-seed (לינט׳=סי-ד) ז. **Linseed**.
Lion (לאַיי׳אָן) אַ לייב; אַ פּראַנט; דער לייב [ה. מזל אריה]; **—'s whelp**, אַ יונג לייבעלע.
Lioness (לאַיי׳אָנעס) אַ לעווין [דיא נקבה פון אַ לייב]; אַ פּראַנטיכע, אַ פּוצערקע.
Lip (ליפּ) אַ ליפּ; אַ ברעג; קוסען.
Lip-salve (ליפּ׳=סאַ-וו) האָניג=זיסע רייד.
Lipothymy (ליפּאָ׳טהימי) אָהנמאַכט, חלשות.
Liquable (לי׳קוועבל) שמעלצבאַר.
Liquation (ליקוויי׳שאָן) דיא שמעלצונג, דאָס שמעלצען; דאָס אָבזונדערן איין מעטאַל פון אַן אנדערן ביים שמעלצען.
Liquefiable (לי׳קוויפאַייעבל) שמעלצבאַר.
Liquefy (לי׳קוויפאַיי) שמעלצען; ווערן פליסיג.
Liquid (לי׳קוויד) פליסיג; פליסענד; זאַנפט.
Liquidate (לי׳קווידייט) מילדערן, זענפטיגען; ליקווידירען, אויסגלייכען, אין אָרדנונג ברייג=גען [שולדען]; אויסצאָהלען; קלאָר מאַכען; געוויס מאַכען, בעשטימען גענוי.
Liquor (לי׳קאָר) אַ געטרענק; ליקער.
Lisp (ליכפּ) שטאַמלען; דאָס שטאַמלען.
List (ליסט) אַ לייסט; אַ ברעג, אַ זוים; אַ צאַם; אַ ליסטע, אַ פערצייכניס; אַ ציעל; לוסט, חשק; בעשלאָגען מיט לייסטען; הערומלעגען מיט אַ צאַם; איינשרייבען, זיך צוהערען.
Listed (ליס׳טעד) געשטרייפט, מיט פאַסען.
Listen (ליסן) הערען; צוהערען.
Listless (ליסט׳לעס) זאָרגלאָז, גלייכגילטיג.
Lit (ליט) פ. צ. פון **Light**: אָנגעצונדען.
Litany (לי׳טעני) אַ געבעט.
Literal (לי׳טערעל) בוכשטעבליך, ווערטליך.
Literary (לי׳טערערי) ליטעראַריש; געלעהרט.
Literati (ליטערייי׳טי) ליטעראַטאָרען.
Literature (לי׳טערייטשור) ליטעראַטור.
Litharge (לי׳טהאַרדזש) דער זילבער=שוים

גלאַז-אַרטיגער שוים פון זילבער וואָס בע-
וויזט זיך ווען מען ראַפינירט עס מיט בליי.
Lithe (לאַיידה) בייגזאַם, בייגעדיג.
Lithograph (לי'טהאָגרעף) ליטאָגראַפירען.
Lithography(ליטהאָ'גרעפי) ליטהאָגראַפיע,
שטיין-דרוק, שטיין-דרוקעריי-קונסט.
Lithology (ליטהאָ'לאָודזשי) שטיין-קונדע,
דיא לעהרע איבער שטיינער.
Lithotomy(ליטהאָ'טאָומי) דיא אויסשניידונג
פון שטיינער[אין בויך].
Litigate(לי'טיגייט) שטרייטען, פיהרען פראָ-
צעסען.
Litigation (ליטיגיי'שאָן) פראָצעס-פיהרונג.
Litigious (ליטי'דזשאָס) פראָצעס-פיהרונג.
Litmus (ליט'מאָס) לאַקמוס, בלוי-פאַרב.
Litter(ליט'טער) אַ נאָסילקע,אַ טראָג-בעטעל,
אונטערשפּרייטונג,אונטערשיטונג;דיא אויס-
ברייטונג, דיא געבעהרונג [פון טהיערע];
אַן אונאָרדנונג; ברייגגען אין אונאָרדנונג.
Little (ליטל) קליין; אונבעדייטענד; שוואך;
ווענינ; a—, אַ ביסעל; by—and—, נאָך
און נאָך, ביסליכווייז.
Littleness (ליטל'נעס) דיא קליינקייט; דיא
אונבעדייטענדקייט.
Liturgy (לי'טאָרדזשי) דיא קירכענ-דיענסט
Live(ליוו) לעבען;פון עפּעס לעבען, זיך ער-
נעהרען; וואוינען, זיך אויפהאַלטען.
Live (לאַייוו) לעבעדיג; לעבהאַפט; גליהענד.
Livelihood (לאַייוו'ליהו-ד) אַן אויסקומען,
אונטערהאלט, פרנסה.
Livelong (לאַייוו'לאָנג) דויערהאַפט; לאַנג-
ווייליג.
Lively (לאַייוו'לי) לעבהאַפט, מונטער;גייסט-
רייך; פרעהליך, אויפגעראַמט.
Liver(לי'ווער) אייגער וואָס לעבט, אַ לעבע-
דיגער; דיא לעבער [ה. כבד].
Livery(לי'ווערי) אַ ליווריע,דיענער-קליידונג;
פיטערונג פיר פערד; דיא איבערגעבונג [אין
בעזיץ]; דיא מינדיג-מאַכונג; מיטגליעדער
פון אַ געמיינדע-ראַטה.

Livery-stable(לי'ווערי-סטייבל) אַ שטאַל פיר
פערד וואס זיינען צום פערדינגען; אַ שטאַל
וואו פערד ווערען אָנגענומען צום פיטערן.
Lives (לאַייווז) מ. פון Life: לעבענס.
Livid (לי'וויד) שוואַרצ-בלוי, בליי-פאַרביג.
Living (לי'ווינג) לעבענד, לעבעדיג; דאָס
לעבען; אונטערהאלט, פרנסה; איינקונפט.
Lixiviation (ליקסיוויאַיי'שאָן) לויג; דאס
אויסלויגען, דאָס ווייך-מאַכען אין לויג.
Lixivium(ליקסי'וויאָם) לויג [דיא זייערקייט
פון אַש מיט וואַסער].
Lizard (לי'זערד). יאַשטשעריצע [איידעכסע].
Lo (לאָו) אַט! זעה!
Load(לאָוד) לאַדונג; לאַסט, משא; אַ קופּע,
אַ הויפען;לאַדען,בעלאַדען;אָנלאָדען[אַ שיס-
געוועהר]; —mark, אַ לאַדונגס ליניע.
Loading (לאָו'דינג) ז. Load.
Loadsman(לאָודז'מען) אַ לאָצמאַן [אַ שיפער
וואָס געהט בעגעגענען אַ שיף].
Loadstar (לאָוד'סטאַר) דער נאָרד-שטערן.
Loadstone (לאָוד'סטאָון) דער מאַגנעט.
Loaf(לאָוף) אַ לאַבען[ברויט]; אַ צוקער-הוט.
Loafer(לאָו'פער) אַ שייגעץ,אַ הערומטרייבער
Loam (לאָום) ליים; בעשמיערען מיט ליים.
Loamy (לאָו'מי) ליימיג.
Loan (לאָון) אַן אַנלייהע, אַ הלואה; לייהען.
Loan-bank (לאָון'-בענק) אַ לייה-הויז, אַ
גמלות-חסדים הויז.
Loan-fund (לאָון'-פאָנד) אַ לייה-קאַסע, אַ
גמלות-חסדים קאַסע.
Loath (לאָוטה) אונוויליג; אבגענייגט.
Loathe(לאָודה) האַסען;אַן עקעל געגען עפּעס
Loathing (לאָו'דהינג) אַ ווידער-ווילען, אַן
עקעל, אַן אָבשיי, אַ האַס.
Loathness (לאָוטה'נעס) ז. Loathing.
Loathsome (לאָודה'סאָם) עקעלהאַפט.
Lob (לאָב) אַ גראָביאַן, אַ גראָבער קאָפּ,
s'— pound, אַ געפענגניס, אַ טורמע.
Lobate (לאָ'בייט) געטהיילט אין שטיקלאַך.
Lobby (לאָ'בי) אַ פאָר-צימער, אַ פיר-הויז;

א שפּרעכ־צימער; אַ פערצאַמטער אָרט.
Lobe (לאָוב) אָן אָבטהיילונג.
Lobed (לאָובד) ז. Lobate.
Lobster (לאָבּ'סטער) אַ ראַק, אַ קרעבּס.
Local(לאָ'קעל) ערטליך, היג, וואָס געהערט
צום אָרט; ly—, נאָך דעם אָרט.
Locality (לאָוקעָ'ליטי) אָן אָרט; דיא געגענ־
ווארט.
Locate(לאָ'רקייט) לעגען, זעצען, בעשטימען
אָן אָרט.
Location(לאָוקיי'שאָן) דער אָרט, דיא שטעלע,
דיא לאַגע; דיא בעשטימונג פון אַן אָרט; דיא
פערמיטהונג פון אַ הויז.
Loch(לאָק) אַן אָזערע, אַ זעע; אַ מין מעדי־
צין פיר דיא ברוסט [ד. ברוסטלאַטווערגע].
Lock (לאָק) אַ שלאָס; אַ וואַסער־דאַם; אַ
לאָק [פון האָאר]; אַ בינטעל [היי]; אַ קודרע
[פון וואָל]; דער דרוק; s—, האָאר.
Lock(לאָק) שליסען, איינשליסען, פערשליסען;
צודריקען; זיך פערשליעסען; אָנשליסען.
Locker(לאָק'קער) אַ קעסטעל, אַ קאַסטען, אַ
פערשלים־אָרט; אַ געשיר־קאַסטען.
Locket (לאָק'קעט) אַ מעדאַליאָן.
Lock-gate (לאָק־גייט) דאָס טהויער פון אַ
וואַסער־וואַנד [ר. שליוז].
Lockout(לאָק'אַוט) אויסשליסונג פון אַרבייט.
Lock-ram (לאָק־רעם) גראָבע לייוועגד.
Locksmith (לאָק'סמיטה) אַ שלאָסער.
Locomotion(לאָוקאָומאָ'שאָן) אָרטס פערענ־
דערונג, אָרטס בעוועגונג.
Locomotive(לאָוקאָומאָ'רטיוו) וואָס ברייננט
העררויס אָרטס בעוועגונג; אַ לאָקאָמאָטיוו,
אַ דאַמפּף־וואָגען.
Locust (לאָ'וקאָסט) אַ היישעריק; באָקסאָר
[ד. יאָהאַנניסבראָד]; אַ מין בוים [ד. שאָטענ־
דאָרן, ר. גאָראָכאָוואָיע דיערעוואָ].
Locution (לאָוקיו'שאָן) דיא רעדענס אָרט.
Lode (לאָוד) אַ מינעראַל־גאַנג.
Lodge(לאָדזש) לעגען, אַניעדערלעגען; אייג־
שטעקען; פלאַנצען; הערייננעהמען אין הויז;
לאָזשירען, שטעהן קוואַרטיר, וואוינען; בלייבן;
אַ הויז, אַ הייזעל; אַ לאַגער; אַ קאַמערל;
אַ לאָדזש, אַ פעראיין [פון אַן אָרדען].
Lodging(לאָ'דזשינג) אַ וואוינונג, אַ קוואַר־
טיר; אַן אויפהאַלט.
Lodgement (לאָדזש'מענט) אַ קוואַרטיר; אַ
דעפּאָזיט, דיא איינלעגונג [פון געלט]; דיא
פערשאַנצונג, דיא הערומצאַמונג.
Loft (לאָפט) אַן עטאַזש; אַ בוידים.
Loftiness(לאָפ'טינעס) הויכקייט; ערהאַבענ־
הייט; שטאָלץ.
Lgfty (לאָפ'טי) הויך; ערהאַבען; שטאָלץ.
Log (לאָג) אַ שייט [האָלץ]; אַ באַלקען.
Log-book (לאָג־בו־ק) אַ שיפס זשורנאל [אַ
בוך צום פערצייכענען דעם וועג פון שיף].
Log-house (לאָג־האַוס) אַ הילצערנעס הויז.
Log-hut (לאָג־האַט) אַ הילצערנע היטע.
Logic(לאָ'דזשיק) דיא לאָגיק, דיא פערנונפטס
לעהרע, דיא לעהרע פון ריכטיגען דענקען [ה.
חכמת ההגיון]; אַ געדאַנק, אַ זין.
Logical (לאָ'דזשיקעל) לאָגיש.
Logics (לאָ'דזשיקס) ז. Logic.
Log-man (לאָג־מען) אַ האָלצ־טרעגער.
Logography(לאָוגאָ'גרעפי) דאָס דרוקען מיט
אַזאַ דרוק־שריפט פון וועלכער יעדעס שטי־
קעל ענטהאַלט אַ גאַנצעס וואָרט.
Logogriph(לאָ'גאָוגריף) אַ מין בוכשטאַבענ־
רעטעניס.
Logomachy(לאָוגאָ'מעקי) אַ וואָרט־שטרייט.
Logotype(לאָ'גאָוטאַייפּ) וואָרט־דרוק־שריפט
וועלכער יעדעס שטיקעל ענטהאַלט עטליכע
בוכשטאַבען אָדער אַ גאַנצעס וואָרט.
Log-wood (לאָג־וואו־ד) בלוי־האָלץ.
Loin (לאָין) דיא לענד, דאָס לענדענ־שטיק;
Loins, דיא לענדען; דיא ניערען.
Loiter(לאָי'טער) צעגערן; הערומלויפען, זיך
שאַטייען, גאָרנישט טהאָן.
Loll (לאָל) זיך דעהנען; הערויסהענגען; הע־
רויסשטרעקען, אויסשטעקען [דיא צונג].
Lone (לאָון) איינזאַם, אַליין.

Lonely (לאָנ׳לי) איינזאַם, אַליין, שטיל.
Lonesome (לאָנ׳סאָם) איינזאַם, אַליין.
Loneliness (לאָנ׳ליגעס) דיא איינזאַמקייט; נייגונג צו זיין איינזאַם.
Loneness (לאָנ׳נעס) ז. Loneliness.
Long(לאָנג) לאַנג; אַ לאַנגע צייט; צייט לאַנג, זייט אַ לאַנגער צייט; —boat, אַ גרויסע לאָדקע; —primer, קאָרפּוס, גאַרמאָנד [אַ דרוק־שריפט פון 9 פּונקטען]; —home, דיא אייביגע היים, דער קבר.
Long (לאָנג) ווינשען, פערלאַנגען.
Longanimity (לאָנגעני׳מיטי) לאַנג־מוטה.
Longer (לאָנ׳גער) איינער וואָס פערלאַנגט עפּעס, איינער וואָס בייגקט נאָך; לענגער.
Longeval (לאָנדזשי׳וועל) לאַנג־לעביג.
Longevity(לאָנדזשע׳וויטי) לאַנגעס לעבען.
Longevous (לאָנדזשע׳וואָס) ז. Longeval.
Longing (לאָנ׳גינג) דאָס פערלאַנגען, דאָס בייגקען.
Longingly (לאָנ׳גינגלי) בייגקענד.
Longish (לאָנ׳גיש) לאַנגליך.
Longitude(לאָנ׳דזשיטיוד) דיא לענג [איבער־הויפּט פון דער ערד].
Long-lived (לאָנג׳־לאַייווד) לאַנג־לעביג.
Longly (לאָנג׳לי) ז. Longingly.
Long-sighted(לאָנג׳־סאַיי׳טעד) וויט־זיכטיג
Longsome (לאָנג׳סאָם) לאַנג, לאַנגווייליג.
Long-winded(לאָנג׳־ווינ׳דעד) לאַנג־ווייליג.
Longwise (לאָנג׳וואַייז) נאָך דער לענג.
Looby (לו־׳בי) אַ נאַר, אַ דום־קאָפּ.
Loof (לו־ף) ז. Luff.
Look(לו־ק) זעהן; קוקען; אויסזעהן; אַ בליק, אַ קוק; דאָס אויסזעהן.
Looker-on (לו־׳קער־אָן) אַ צוקוקער, אַ צו־שויער.
Looking-glass(לו־׳קינג־גלעס) אַ שפּיעגעל.
Look-out (לו־ק׳־אוט) אַ וואַך; אויסקוקען.
Loom(לו־ם) אַ וועבער־שטוהל; אַ ווערק־צייג, אַ געצייג; אַ גריף, אַ הענטעל [פון אַ רודער]; זיך צייגען העכער איבער דעם וואַסער.
Loom-gale (לו־ם׳־גייל) אַ לייכטער ווינד.
Looming (לו־׳מינג) לופט־בילדער.
Loom-shop(לו־ם׳־שאָפּ) אַ ווערקשטאַט פון וועבער־שטוהלען.
Loon (לו־ן) ז. Lown.
Loop(לו־פּ) אַ קנאָפּ־לאָך; אַ לאָך; אַ צאַפּען; אַ שלייף־קניפּעל [פון אַ שטריק].
Loop-hole(לו־פּ׳־האָול) אַ לאָך, אַ שנור־לאָך; אַן עפנונג, אַ קוק־לאָך; אַן אויסרייד.
Loose (לו־ז) לעזען, אויפלעזען; לויז מאַכען, לויז לאָזען; לויז, שלאַף, פריי; צולאָזען, פער־שייט; פרייהייט.
Loosen(לו־זן) לעזען, אויפלעזען; ערשיטערן, אויפטרייסלען; לויז מאַכען, אויפבינדען; מאַ־כען לויז לייב; זיך אויפבינדען, זיך פער־גאַנדערלאָזען.
Lop(לאָפּ) בעשניידען; לאָזען הענגען; אָבפאַל; דער אָבשניט, אָבגעשניטענע צווייגען.
Loquacious (לאָוקוויי׳שאָס) שוואַצהאַפט.
Lord (לאָרד) אַ הערר; אַ הערשער; גאָט; אַ לאָרד [אַזאַ אדעל־טיטעל אין ענגלאַנד]; house of lords, דאָס אויבער־ הויז [פון דער ענגלישער רעגיערונג]; to—over, גרויזאַם בעהאַנדלען.
Lord-lieutenant (לאָרד־לעפטע׳נענט) אַ שטאַט־האַלטער, אַ וויצע־קעניג.
Lordling (לאָרד׳לינג) אַ קליין הערשערל.
Lordly(לאָרד׳לי) הערריש, הערשעריש; הויכ־מיטהיג, שטאָלץ.
Lord-mayor (לאָרד־מייאָר) אַ לאָרד־מער, אַ בורג־מייסטער [אין לאָנדאָן].
Lordship(לאָרד׳שיפּ) הערשאַפט, מאַכט, גע־וואַלט; הערליכקייט, גנאָדען [אַ טיטעל].
Lore (לאָור) לעהרע, געלעהרזאַמקייט.
Loricate(לאָ׳ריקייט) איבערציהען, בעדעקען.
Lorication(לאָריקיי׳שאָן) איבערצוג, איבער־לעג, בעדעקונג.
Lorimer(לאָ׳רימער) אַ שפּאָרענ־מאַכער; אַ זאָטעל־מאַכער.
Loriner (לאָ׳רינער) ז. Lorimer.

Lorn (לאָרן) פערלאָזען; פערלאָרען; איינזאַם.
Losable (לו־זעבל) פערליערבאַר; וואָס מען קען פערליערען אָדער פערשפּיעלען.
Lose (לו־ז) פערליערען; פערשפּיעלען; ריכטען צו גרונד; to—one's self, זיך פערליערען, פערלאָרען געהן.
Losel (לאָרזעל) אַ טויגעניכטס, אַ ניכטסווירדיגער מענש, אַ ליידאַק.
Loss (לאָס) אַ שאדען, אַ היזק; אַן אונטערגאַנג.
Lost (לאָסט) פערלאָרען; פערשפּיעלט.
Lot (לאָט) אַ לאָאָז, אַ גורל; דאָס שיקזאַל, דער מזל; אַ טהייל; אַ קופּע; אַ סך; טהיילען אין לאָאָזען.
Lottery (לאָט'טערי) לאָטעריי.
Loud (לאָוד) הויך [פון קול]; הויך, אויפ'ן קול.
Lough (לאָק) אַן אָזיערע, אַ טייכעל.
Lounge (לאָונדזש) זיך אומשאַטייען, אומגעהן פּוסט און פּאַס, געהן לעדיג; זיך וויגען [אויף אַ שטוהל]; אַ קאַנאַפּע, אַ זאָפע.
Longer (לאָונ'דזשער) אַ לעדיג־געהער.
Louse (לאָוס) אַ לויז; מ. **Lice**.
Louse (לאָוז) לויזען, זוכען לייז.
Lousy (לאָ'רזי), **—ily** לייזיג.
Lout (לאָוט) אַן אונגעלומפּערטער מענש.
Loutish (לאָו'טיש) דום, אונגעלומפּערט.
Lovable (לאָ'וועבל) ליעבליך, וואס מען קען ליעבען, וואס פערדיענט געליעבט צו ווערען.
Lovage (לאָ'וועדזש) אַ מין פלאַנצע [ד. ליעב־שטעקעל, ר. ליוביסטאָק].
Love (לאָוו) ליעבען, האָלט האָבען; ליעבע, ליעבשאַפט; פריינדשאַפט; אַ געליעבטער, אַ געליעבטע, אַ ליעבהאבער, א ליעבהאָבערין.
Love-apple (לאָוו־עפּל) דער ליעבעס עפּעל, דער גאָלד־עפּעל, אַ טאָמייטאָ [אַזאַ פרוכט].
Love-favor (לאָוו־פיי'וואָר) ליעבעס צייכען.
Loveless (לאָוו־לעס) אָהן ליעבע.
Lovely (לאָוו־לי) ליעבענסווירדיג; רייצענד.
Love-making (לאָוו־מיי'קינג) שדכנען זיך.
Love-monger (לאָוו־מאָנ'גער) אַ שדכן, אַ פערמיטלער אין שדוכים.

Love-potion (לאָוו־פּאָרשאָן) ליבעס טרונק.
Lover (לאָ'רווער) אַ ליעב־האָבער, אַ געליעבטער, אַ געליעבטע, אַ פריינד, אַ פריינדין.
Love-token (לאָוו־טאָוקן) ליעבעס צייכען.
Love-toy (לאָוו־טאָי) אַ ליעבעס געשענק.
Loving (לאָ'ווינג) ליעבענד, צערטליך.
Low (לאָו) ניעדריג; קליין, געמיין; ניעדריג, טיעף [פון אַ שטימע]; ביליג, וואָלוועל.
Low-bred (לאָו־ברעד) ז. **Low-born**.
Lower (לאָו'ער) חעראָפּלאָזען; ערניעדריגען; הערונטערזעצען, פערקלענערן, פערמינדערן; פאַלען, ווערען קלענער; אונטערער.
Lower (לאָו'ער) דונקעל ווערען; דראָהען, פינסטערקייט, אַ פינסטערער בליק.
Lowermost (לאָו'ערמאָוסט) דער ניעדריגסטער, דער אונטערסטער.
Lowliness (לאָו'לינעס) ניעדריגקייט; קליינקייט, דעמיטהיגקייט.
Lowly (לאָו'לי) ניעדריג; געמיין; דעמיטהיג.
Lown (לאָון) ז. **Loon**.
Lowness (לאָו'נעס) ניעדריגקייט; קליינהייט; ניעדריגקייט, געמיינהייט, פּאָדלעקייט; ניעדערגעשלאָגענהייט, הערונטערגעפאַלענקייט.
Lowry (לאָו'רי) אַ פלאַטפאָרמע [אויף אייזענבאַהנען].
Loxodromics (לאָקסאָודראָ'מיקס) דער קרומער גאַנג, דאָס קרומע זעגלען פון אַ שיף.
Loyal (לאָי'על) טריי, געטריי, בעשטענדיג.
Loyalist (לאָי'עליסט) אַ טריי־געזינטער מענש.
Lozenge (לאָ'זענדזש) אַ קרומע פיער־עקיגע פיגור, אַ דיעמענט־פיגור; אַ קיכעל.
Lubber (לאָב'בער) אַן אונגעלומפּערטער מענש, אַ דום־קאָפּ; אַ פוילענצער; **—'s hole**, דאָס לאָך אין אַ ברעט אין מיטען פון אַ שיפס־מאַסט דורך וועלכע מאַטראָזען קריעכען הערויף אויפ'ן שפּיץ מאַסט.
Lubricity (ליובריסיטי) גלאַטקייט, גליטשיגקייט; אונבעשטענדיגקייט; צולאָזענקייט, וואויל־לוסטיגקייט, תאוה.
Lubrifaction (ליובריפעק'שאָן) דאָס גלאַט־מאַכען, דאָס גליטשיג־מאַכען.

Luce (ליוס) העכט [פיש].
Lucent (ליוסענט) לייכטענד, גלענצענד.
Lucern(ליוסערן) דיא לוצערן[אַ מין פלאַנצע]
Lucid(ליוסיד) לייכטענד; דורכזיכטיג; דייטליך
Lucidity(ליוסי'דיטי) לייכטונג; גלאַנץ; דורכ־
זיכטיגקייט; דייטליכקייט, קלאַרקייט.
Lucidness (ליו'סידנעס) ז. .Lucidity
Lucifer(ליו'סיפער) דער טייוועל; דער מאָר־
גענשטערן; match—, אַ שוועבעלע.
Luck (לאַק) גליק, מזל, ערפאָלג.
Luckiness(לאַק'קינעס) אַ גליקליכער צופאַל.
Luckless (לאַק'לעס) אונגליקליך.
Lucky(לאַק'קי) גליקליך; ily—, צום גליק,
גליקליכער־וויז.
Lucrative (ליו'קרעטיוו) איינטרעגליך.
Lucre (ליוקער) פראָפיט, פערדיענסט.
Lucriferous (ליוקרי'פעראָס) איינטרעגליך.
Lucrific (ליוקרי'פיק) ז. .Lucriferous
Lucrous (ליו'קראָס) ז. .Lucriferous
Luctation (לאַקטיי'שאָן) אַ קאַמפף.
Luctual (לאַק'טשועל) טרויריג, קלעגליך.
Luctuous (לאַק'טשואָס) ז. .Luctual
Lucubration(ליוקיובריי'שאָן) נעכטליכע בע־
שעפטיגונג, נעכטליכע ליטעראַרישע אַרבייט.
Lucubratory(ליו'קיובריי'טאָרי) געאַרבייט ביי
נאַכט, פערפאַסט אָדער געשריבען ביי נאַכט.
Luculent(ליוקיולענט) העל, קלאַר; דייטליך.
Lud (לאַד) מיין גאָט! [אַן אויסגעשריי].
Ludicrous(ליו'דיקראָס) קאָמיש, לעכערליך.
Lug (לאַג) שלעפען; צופען, רייסען.
Luggage (לאַג'גיידזש) באַגאַזש, געפעק.
Lugger(לאַג'גער) אַ ליוגער [אַ מין קליינעם
שיפעל מיט דריי מאַסטען].
Lugubrious(ליוגיו'בריאָס) טרויעריג, קלעגליך
Lukewarm (ליוק'וואָ־רם) לעבליך; גלייכ־
גילטיג, קאַלט־בליטיג.
Lull(לאַל) ליוליען, איינוויגען, איינשלעפערן;
איינרוהיגען, בעזענפטיגען.
Lullaby (לאַ'לעבאַיי) אַ וויעג־ליעד.
Lumachella(ליומעקעל'לע) מושעל־מאַרמאָר
Lumbago (לאַמביי'גאָו) אַ לענד־ווערטאָג, אַ
היפט־וועה, אַ שמערץ אין דיא היפטען.
Lumber (לאַמ'בער) נוצלאָזע זאַכען, אלט־
וואַרג; געהילץ; אבוואַרפען [אַלטע זאַכען];
פערשפאַרען, פערלעגען; זיך שווער שלעפען.
Lumberer (לאַמ'בערער) אַ געהילץ־מאַן, אַ
געהילץ־האַקער, אַ בוימענ־אויסהאַקער.
Lumber-room(לאַמ'בער־רו־ם) אַ צימער פיר
אַלטע נוצלאָזע זאַכען.
Lumber-yard (לאַמ'בער־יאַרד) אַ געהילץ־
הויף, אַ געהילץ־לאַגער.
Lumbric (לאַמ'בריק) אַ וואָרים.
Lumbrical (לאַמ'בריקעל) וואָרם־פערמיג.
Luminary (ליו'מינערי) אַ בעלייכטלער; אַ
ליכט, אַ שטערן [ח. מאור].
Luminous (ליו'מינאָס) לייכטענד, העל.
Lump(לאַמפ) אַ שטיקעל, אַ שטיק; אַ מאַסע;
געהמען אין גאַנצען.
Lumper (לאַמ'פער) אַ לאַסט־טרעגער.
Lumping (לאַמ'פינג) גראָב, דיק, שווער.
Lumpy (לאַמ'פי) וואס בעשטעהט פון שטי־
קער, פול מיט שטיקער.
Lunacy (ליו'נייסי) פערריקטהייט, משוגעת.
Lunar (ליו'נער) פון דער לבנה, וואס געהערט
צו דער לבנה, לבנה'דיג.
Lunarian(ליונייריען) אַ בעוואוינער פון דער
לבנה, אַ לבנה־מענש.
Lunary (ליו'נערי) ז. .Lunar
Lunate (ליו'נייט) האַלב־לבנה־פערמיג.
Lunated (ליו'נייטעד) ז. .Lunate
Lunatic (ליו'נעטיק) פערריקט, וואַהנזיניג;
אַ פערריקטער, אַ משוגענער; אַ נאַר.
Lunation (ליוניי'שאָן) דיא אומדרעהונג פון
דער לבנה הערום דער ערד.
Lunch (לאַנטש) אַ צובייס, אַ נאַכמיטאָג־
צובייס, אַ צווייטער אנבייסען; אַ צווייטער
פריהשטיק, אַ קליינער מאהלצייט [צווישען
דיא גרויסע]; עסען פריהשטיק; צובייסען.
Luncheon (לאַנ'טשאָן) ז. .Lunch
Lune(ליון) אַ ריעסען; דער מאָנד, דיא לבנה.

Lung (לאָנג) א לונג.
Lungs (לאָנגז) דיא לונגען.
Lunge (לאָנדזש) א שטויס, א קלאַפּ.
Lung-wort (לאָנג־וואָירט) לונגענקרויט.
Lunt (לאָנט) [צו א קאַנאָן]. א צינד־שטריק
Lupine(ליופּין) וויא א וואָלף, וואָלפּ־אַרטיג.
Lupuline(ליופּיולין) ביטערקייט פון האָפּען.
Lurch(לאָירטש) לויערן, אבהיטען; טוישען;
בעטריגען; דאס דאָפּעלט־שפּיעל אין טריק־
טראַק [א מין דאָמענ־שפּיעל].
Lurcher(לאָיר'טשער) [ה. אורב]; א לויערער
א לויער־הונד, א שפּיר־הונד.
Lure(ליור) א צוציהונג; א פערנאַרונג; צוצי־
הען; פערנאַרען.
Lurid(ליוריד) בלייך, דונקעל, פינסטער, אוי־
מעדיג; פּורפּור־רויטה, וואס פערשלאַגט אויף
פּורפּור־רויטהע פאַרב.
Luring (ליורינג) צוציהענד; פערנאַרענד.
Lurk (לאָירק) לויערן, אַבהיטען.
Lurker (לאָיר'קער) [ה. אורב]. א לויערער
Lurking-place(לאָיר'קינג־פּליים) א הינטער־
ארט, אן ארט צום לויערן.
Luscious (לאַש'שאַס) זיס, זעהר זיס; —ly,
געשמאַק; אַ־געגנעהם, רייצענד.
Lush (לאַש) דונקעל־פאַרביג.
Lusory (ליוסאָרי) שפּיעליג, אַמוזירענד.
Lust(לאַסט) לוסט, וואויל־לוסט, תאוה; געלוס־
טען, האַבען תאוה; בעגעהרען.
Luster (לאַס'טער) ז. Lustre.
Lustily(לאַס'טילי) קרעפטיג, שטאַרק, געזונד.
Lustrate (לאַס'טרייט) הייליגען, מטהר זיין.
Lustration (לאַסטריי'שאָן) דיא רייניגונג,
דיא הייליגונג, דאס מטהר־זיין.
Lustre (לאַס'טער) א גלאַנץ; פּראַכט; א
לוסטער[א מין לייכטער]; א משך פון 5 יאהר.
Lustring (לאַס'טרינג) [אַזא צייג]. ליוסטרין
Lusty (לאַס'טי) שטאַרק, קרעפטיג; געזונד,
גוט בעלייבט; רייכליך.
Lutarious (ליוטיי'ריאַס) בלאַטיג, ליימיג.
Lute(ליוט) א לוט [א מין מוזיקאַלישער אינ־
סטרומענט מיט סטרונעס]; קיט; פערקי־
טעווען, פערשמירען מיט קיט.
Luting(ליו'טינג) קיט, א פערשמיער־מיטעל.
Lutheran (ליו'טהערען) לוטהעראַניש, וואס
געהערט צו דער לעהרע פון דעם דייטשען
רעליגיאנס רעפאָרמאַטאָר לוטהער; א
לוטהעראַנער.
Luthern (ליו'טהערן) א דאַכ־פענסטער.
Luxate (לאַק'סייט) [א גליעד]. אויסלינקען
Luxuriance(לאַגזיו'ריענס) איבערפלוס, שפע,
דיא וואקסונג פון פרוכט אין גרויסער מאס.
Luxuriant (לאַגזיו'ריענט) פרוכטבאַר, אי־
בערפליסיג; —ly, רייך, בשפע.
Luxuriate (לאַגזיו'ריאַייט) וואקסען גרויס,
וואקסען רייך; זיך אויסברייטען; לעבען גרויס;
לעבען רייך; —in, זיך איבערגעבען צו עפּעס.
Luxury(לאַק'שורי) לוקסוס; תאוה, עולם־הזה.
Lycanthropy (לאַייקענ'טהראָפּי) וואָלפס
וואוטה, וואָלפס וואהנזין, וואָלפס משוגעת.
Lyceum(לאַיי'סיאַם) א ליציי, אן אַקאַדעמיע,
א לעהר־אַנשטאַלט, א שטודיר־אָרט, אן אָרט
וואו מען גיט לעקציעס.
Lye (לאַיי) לויג [פון אַש מיט וואסער];
—chamber, א לויג־צעבער; —trough,
אורין, פּישאַכץ.
Lying(לאַיי'אינג) ליגענהאַפט, פאַלש; ליגען.
Lying-in (לאַיי'אינג־אין) א קינפּעטאָרען;
קינפּעט, קינד־בעט.
Lymphate (לימ'פייט) משוגע, וויטהענד.
Lynch(לינטש) פערואורטהיילען און הינריכטען
אהן א געריכט.
Lynch-law(לינטש־לאָ-) די פערואורטהיילונג
און הינריכטונג פון א פערברעכער דורך
א פאלקס געזעמעל אָהן א געריכט.
Lynx (לינקס) א מין ווילדע קאַץ וועלכע איז
זעהר פלינק און שאַרף־זיכטיג [ד. לוכסע].
Lyre (לאַייר) א לירע [א מין הארף].
Lyric (ליריק) ליריש, ליעדעריש; צום זינגען;
א ליריקער, א ליעדער־דיכטער.
Lyssa (ליסע) דיא משוגעת פון א הונד.

M

Ma'am (מע'עם): די אבקירצונג פון Madam מאַדאַם.

Mab (מעב) אַ שלומפּער; אַ שדים-קעניגין.

Mabby (מעב'בי) קאַרטאָפּעל-וויין.

Mac (מעק) אַ צוזעצונג צו ענגלישע נעמען פון פּערזאָנען וואס בעדייטעט זוהן.

Macadamize (מעקע'דעמאַייז) ברוקירען מיט געבראכענע שטיינדלאך [ברוקירען נאך דער מעטהאָדע פון מעק-אַדאַם וועלכער האט דיעזע אַרט ברוקירונג איינגעפיהרט].

Macaroni (מעקעראָ'ני) לאָקשען; אַ פראַנט, אַ פוצער, אַ פוצערקע.

Macaronic (מעקעראָ'ניק) לעכערליך, שפּאַס-האַפט.

Macaroon (מעקערו-ן) מאַקאַראָנע, מאַנדעל-קאָנפעקט.

Macaw (מעקאָ-') אַ מין פּאָפּוגאַיי.

Mace (מייס) אַ רובינע, אַ בולאַווע; אַ שטעקען, אַ שטאָב; אַ סצעפּטער, אַ הערשער-רוטה; מושקאַטענ-בליטהע; אַ מין געווירץ.

Mace-bearer (מייס-בע-'רער) דער סצעפּטער-טרעגער, דער טרעגער פון הערשער-רוטה.

Mace-reed (מייס'-רי-ד) וואַססערקאָלבע.

Maceration (מעסעריי'שאָן) דיא ענטקרעפטונג, דיא אָבטוידטונג; דיא איינווייכונג.

Machiavelism (מעקיע'ווענליזם) דיא מאַקיאַווענלישע פּאָליטיק-ליסטיגקייט [אַן איטאַליענישער געשיכטע-שרייבער און שטאַאַטסמאַן].

Machinal (מע'קינעל) מאַשינעריע.

Machinate (מע'קינייט) פראָיעקטירען.

Machinator (מע'קינייטאָר) אַ פראָיעקטענ-מאַכער, אַן אויפטראַכטער.

Machine (מעשין) אַ מאַשין, אַ געוועהר, אַן אינסטרומענט; אַ וואונדערבאַרע זאך [וואָס קומט פאָר אין אַ שטיק פּאָעזיע].

Machinery (מעשי'נערי) מעכאַניק; מאַשינעריע, מאַשינען; די איינריכטונג, די צוזאַמענשטעלונג; דאָס וואונדערבאַרע, דאָס איבערנאַטירליכע [וואָס קומט פאָר אין אַ פּאָעזיע].

Machinist (מעשי'ניסט) אַ מאַשינ-מייסטער.

Mackerel (מעק'קערעל) מאַקרעל [אַזאַ פיש].

Mackle (מעקל) מאַקולאַטור, [אַ בויגען וואָס קומט הערויס שמוציג פון דרוק-פּרעס].

Macrocosm (מעק'ראָוקאָזם) גאַנצע וועלט.

Macrotous (מעקראָ'טאָס) לאַנג-אויערדיג.

Macula (מע'קיולע) אַ פלעק.

Maculate (מע'קיולייט) בעפלעקען; בעפלעקט.

Mad (מעד) משוגע; צאָרנדיג; משוגע, פערריקט, מאַכען; הערייננבריינגען אין צאָרן.

Madam (מע'דעם) מאַדאַם, גנעדיגע פרוי.

Mad-apple (מעד'-עפּל) אייעראַפּפעל.

Mad-brain (מעד'-בריין) משוגע, וואַהנזיניג.

Madder (מעד'דער) אַ מין פאַרב-פלאַנצע [ד. קראַפּ]; פאַרבען מיט קראַפּ.

Made (מייד) געמאַכט.

Madefaction (מעדיפעק'שאָן) בעפייכטונג.

Madefy (מע'דיפאַיי) בעפייכטען, בענעצען.

Mademoiselle (מאַדעמואַזעל') פריילין.

Madman (מעד'מען) אַ משוגענער, אַ נאַר.

Madness (מעד'נעס) וואַהנזין; וואוטה.

Madripore (מעד'ריפּאָור) שטערנ-קאָראַל.

Madrigal (מעד'ריגעל) אַ מין הירטענ-ליעד.

Mad-wort (מעד'-וואָירט) שטיינקרויט.

Maelstrom (מייל'סטראָם) אַן אָרט אין אַ טייך אָדער אַ ים וואָס דרעהט זיך וויא אַ רעדעל, אַ קעסעל גרוב [ד. שטרודעל].

Magazine (מעגעזין) אַ מאַגאַזין, אַ לאַגער-הויז, אַ שפּייכלער; אַ בוך וואָס ענטהאַלט אַ זאַמלונג פון פערשיעדענע אַרטיקלען.

Magdalen (מעג'דעלען) אַ הור וואָס הויבט אָן צו פיהרען אַן אָרענטליכעס לעבען.

Mage (מיידזש) אַ צויבערער, אַכשוף-מאַכער.

Maggot (מעג'גאָט) אַ ווערימעל; אַ קאַפּריז.

Maggoty (מעג'גאָטי) ווערימדיג.

Magi (מיי'דזשאַיי) מ. פון Magus: קלוגע לייט, פילאָזאָפען, געלעהרטע [ה. חכמי-קדם].

Magian (מײ'דזשיען) אַ פילאָזאָף.

Magic (מע'דזשיק) צױבער=קראַפט, צױבער, כשוף; מאַגיש, צױבעריש, כשופ'דיג.

Magician (מעדזשי'שען) אַ מאַגיקער.

Magistracy (מע'דזשיסטרײסי) דאָס ריכטער=אַמט, אױבעריגקײט, הערשאַפט.

Magistrate (מע'דזשיסטרײט) אַ ריכטער; אױבערהערשאַפט.

Magnanimity (מעגנעני'מיטי) גרױס=מוטה.

Magnate (מעג'נײט) מאַגנאַט, אַן אדעלמאַן.

Magnesia (מעגני'זשע) מאַגנעזיע.

Magnet (מעג'נט) מאַגנעט.

Magnetic (מעגנע'טיק) מאַגנעטיש; —needle, דער מאַגנעט=װײזער [פון אַ קאָמפּאַס].

Magnetism (מעג'נעטיזם) מאַגנעטיזם [אַזאַ לעהרע]; צוציהונגס קראַפט.

Magnetize (מעג'נעטאַײז) מאַגנעטיזירען, מאַכען מאַגנעטיש; צוציהען.

Magnific (מעגני'פיק) גרױס,עדעל,בעריהמט; גרױסאַרטיג, פּרעכטיג, העררליך.

Magnificent (מעגני'פיסענט) גרױסאַרטיג, פּרעכטיג, העררליך.

Magnify (מעג'ניפאַײ) פערגרעסערן; ער=העבען.

Magniloquence (מעגני'לאָקוענס) גרױס=שפּרעכעריי, הױכע רײד.

Magnolia (מעגנאָ'ליע) מאַגנאָליע [ביבער=בױם].

Magpie (מעג'פּאַײ) אַ סאָראָקע [אַזאַ פױגעל].

Magus (מײ'גאָס) אַ חכם, אַ געלעהרטער מאַן [פּאַרצײטען אין אַזיען]; מ. Magi.

Mahogany (מעהאָ'געני) מאַהאָגאָניהאָלץ.

Mahometan (מיהאָ'מיטען) מאַהאָמעדאַניש; אַ מוהאַמעדאַנער [ה. בן דת מחמד].

Mahometanism (מיהאָ'מיטעניזם) מאַהאָ=מעדאַניזם, דיא מוהאַמעדאַנישע רעליגיאָן.

Maid (מײד) אַ מײדעל, אַ יונגפרױ [ה. בתולה]; אַ דיענסט; אַ מין פיש [ד. ענגעלראָכע, ר. ראַשפּליאַ].

Maiden (מײדן) אַ מײדעל, יונגפרױ [ת. בתולה]; אַ װעש=װאָלגער=האָלץ; אַ מײדעלשער, אַ יונג=פרױליכער; רײן, פריש, נײ, ערשט.

Maidenhead (מײדנ'העד) ז. Maidenhood.

Maidenhood (מײדנ'הו-ד) יונגפרױשאַפט; רײנקײט, פרישקײט, נײקײט.

Maidenliness (מײדנ'לינעס) דיא בעשײדענ=הײט פון אַ יונגפרױ, דיא צניעות פון אַ בתולה.

Mail (מײל) אַ פּאַנצער=רינגעלע; אַ פּאַנצער; אַ טשעמאָדאַן; פּאָסט, בריעף=פּאָסט; בע=פּאַנצערן; אבשיקען [מיט דער פּאָסט].

Mail-bag (מײל'=בעג) אַ בריעף=זאַק.

Mail-coach (מײל'=קאָוטש) אַ גרינגע פּאָסט.

Mail-guard (מײל'=גאַרד) אַ בריעף=קוריער.

Mail-packet (מײל'=פּעק'קעט) אַ פּאָסט=שיף.

Maim (מײם) לעהמען, קאַליעטשען, פערדאַר=בען; אַן אונגליקליכער צופאַל.

Main (מײן) הױפּט, הױפּטזעכליך; גרױס; װיכטיג; הױפּט=טהײל; דאָס װײטע מעער, דער ברײטער ים; קראַפט, מאַכט; in the—, איבערהױפּט, גרעסטענטהײלס, על פי רוב; —for the

Mainland (מײנ'לענד) פעסט=לאַנד [יבשה].

Mainly (מײנ'לי) הױפּטזעכליך.

Mainpernor (מײנ'פּערנאָר) אַן ערבות גע=בער, אַן ערב, אַ בירגשאַפט.

Main-prize (מײנ'=פּראַײז) דיא פרײלאָזונג אױף ערבות; פרײלאָזען אױף ערבות.

Main-sea (מײן'=סי-) דיא הױכע זעע, דער פרײער ים, דער ברײטער אָקעאַן.

Mainswear (מײנ'סװע-ר) שװערען פאַלש.

Maintain (מײנטײן') האַלטען; אױסהאַלטען; אונטערהאַלטען; פערטהײדיגען; בעהױפּטען.

Maintenance (מײנ'טינענס) דיא האַלטונג, אױסהאַלטונג; דיא אונטערשטיצונג; שוץ.

Maiz (מײז) קוקורוזע, טערקישער װײץ.

Majestic (מעדזשעס'טיק) מאַיעסטעטיש, װירדיג, פול װירדע.

Majesty (מע'דזשעסטי) מאַיעסטעט, װירדע.

Major (מיי'דזשאָר) גרעסערן מינדיג, פול-יעה-ריג; אַ מאַיאָר; אַ קאָמאַנדיר [פון חיל]; דער הויפּט-זאַץ אין אַ לאָגישער צוזאַמענשטעלונג

Major-domo (מיי'דזשאָר-דאָרמאָו) דער אויבער-הויז-מייסטער [אין אַ קעניגליכען הויף].

Majority (מעדזשאָ'ריטי) מאַיאָריטעט, מעהר-צאַהל, גרעסטער טהייל; מינדיגקייט, פול-יעהריגקייט; אויבער-אַמט, מאַיאָר-שטעלע.

Make (מייק) מאַכען, בילדען, שאַפען; צווינגען; מאַכען, זאמלען, אַנקלייבען, פערדינען; האַלטען פיר; מאַכען, פערשניצען [אַ פעדער]; ערדייכען, ערלאַנגען; זיך ווענדען, געהן; העלפען; to—account of, הויכשעצען; to—amends, ערזעצען, גוט מאַכען, מטיב זיין; to—angry, הערייננבריינגען אין כעס; to—the best of, טהאָן דאָס בעסטע וואָס מען קען; to—as if, מאַכען אַלס וויא, זיך מאַכען פונקט ווי; to—at, זיך וואַרפען אויף, זיך געבען אַ לאָז אויף; to—away with, אומבריינגען, טוידטען; פערשווענדען; אַוועג-לויפען; to—away with one's self, זיך אומ-בריינגען, זיך טוידטען; to—free with, האַנד-לען גראָד; to—good, פערגיטיגען, רעכטפער-טיגען; to—much of, מאַכען אַ ווען, הויכ-שעצען; האַלטען פיר וויכטיג; to—light of, ניט שעצען, האַלטען פיר אונ-וויכטיג; to—of, פערשטעהן; to—off, אַוועג-געהן, זיך ערווייטערן; זיך אַבטראָגן; to—sail, אַוועגגעהן מיט אַ שיף, געהן אונטער זעגעל; to—shipwreck, ליידען שיפּ-ברוך; to—out, אויסמאַכען [דיא בעדייטונג פון עפּעס], פערשטעהן, ערלייטערן; ענטדעקען, בעווייזען; פערפאַסן; to—over, איבערגעבן, איבערטראָגן [אייגענטהום פון איינעם צום אַנדערן]; to—up, אויסמאַכען, פול-מאַכען, ערגענצען, משלים זיין; שליסען [פון עפּעס]; זאַמלען, אויפקלייבען; פעראייניגען; אויסגליי-כען, מאַכען שלום; פערפאַסען; to—up to, צוגעהן, זיך נעהערן צו; to—up to it, זיך פערצייהען, ווערען גוטפריינד, ווערען שלום; to—use of, זיך בענוצען, מאַכען געברויך פון; to—with, איבערא‍יינשטימען, זיך פעראייניגען.

Make (מייק) געשטאַלט, פאַסאָן; אַרבייט.

Makebate (מייק'בייט) אַ פריעדענס שטערער, אַן אויפבורער, אַן אויפרודלער.

Makepeace (מייק'פּי-ס) אַ רודף שלום.

Maker (מיי'קער) אַ שעפער, אַ מאַכער; אַ פערפערטיגער; אַ דיכטער; —up, אַ פאָר-מאַט-זעצער [אין דרוק-קונסט—איינער וואָס טהיילט איין אויפגעזעצטע שריפט אין זייטלאַך]

Makeshift (מייק'שיפט) אַ מיטעל, אויסוועג.

Makeweight (מייק'ווייט) דיא אויספיהלונג; אַ צוגאָב, אַ דערלייג [צו וואָג].

Making (מיי'קינג) אַ געשטאַלט, פאָרם, פאַ-סאָן, אַרבייט; די מאַכונג, דיא פערפערטיגונג.

Malachite (מע'לעקאַייט) מאַלאַכיט, גרינעס קופער-ערץ, גרינער קופער-שטיין.

Malacology (מעלעקאָ'לאָודזשי) דיא לעהרע איבער דיא וויכע טהיערע [וויא שלאַנגען, זשאַבעס, ווערים או. אַז. וו.].

Maladjustment (מעלעדזשאַסט'מענט) שלעכטע איינאָרדנונג.

Maladministration (מעלעדמיניסטריי-שאָן) שלעכטע פערוואַלטונג.

Malady (מע'לעדי) קראַנקהייט.

Malapert (מע'לעפערט) עזות'דיג, אונאַרטיג.

Malapropos (מעלעפּראָופּאָ') ניט געלעגענט-ליך, ניט פּאַסענד, ניט צו דער צייט.

Malaria (מעליי'ריע) פערפעסטעטע לופט.

Malcontent (מעל'קאָנטענט) אונצופריעדען.

Male (מייל) מענליך, פון מענליכען געשלעכט [ה. ממין זכר]; אַ מאַנספּערזאָן; אַ זכר.

Malediction (מעלידיק'שאָן) די פערשילטונג.

Malefactor (מעליפעק'טאָר) אַ פערברעכער.

Malefic (מעלע'פיק) בייזהאַפט, שעדליך.

Maleficent (מעלע'פיסענט) ז. Malefic.

Malevolent (מעלע'וואָלענט) בייז-ווילי‍ג, אונגינסטיג, וואָס ווינשט שלעכטס.

Malfeasance (מעלפי'-זענס) אַ בייזע טהאַט.

Malice (מעליס) בייזהייט, בייז-ווילינקייט.
Malicious(מעלישאַס) בייזהאַפּט, בייז-ווילינ.
Maliciousness (מעלישאַסנעס) ז. **Malice**.
Malign (מעלאַיין) בייזהאַפּט, בייז-, —ly
ווילינ, פיינדזעליגן שלעכט בעהאַנדלען,
בעשעדיגן; פערליימדען; בענײדען, מקנא זיין.
Maligner (מעלאַיינער) אַ פערליימדער.
Malison (מעליסאַן) פלוך, פערשילטונג.
Malkin (מאַ-קין) אַ פּאַמעלע, אַן אויווענ-
ווישׁ; אַ סטראַשידלע, אַ טשוטשעלע, אַ
פוגעלע [פיר פויגלאַך]; אַ שמוציגעס
פרויענצימער, אַ גאַסענ-חור.
Mall (מאַ-ל) אַ שלאַגערל, אַ האַמער, אַן
אַלעע, פּאַסאַדעס [אַ שפּאַציער-דורכגאַנג
צווישען בוימער]; אַן אָרט פיר קעגעל-שפּיעל;
קלאַפּען אָדער שלאַגען מיט אַ האַמער.
Malleable (מעליעבל) ווייך, שמיעדבאַר.
Malleate (מעליאייט) שמיעדען, העמערן.
Malleation(מעליאיישאַן) דיא שמיעדונג, דיא
העמערונג, דיא אויסקלאַפּונג.
Mallet (מעלעט) אַ הילצערנער האַמער.
Malmsey (מאַ-מזי) אַ מין זיסער וויין.
Malpractice (מעלפּרעקטיס) דיא האַנדלונג
געגען געזעץ, אונערלויבטע האַנדלונג.
Malt (מאַ-לט) מאַלץ; פון מאַלץ; מאַלצען;
מאַכען מאַלץ; זיך פערוואַנדלען אין מאַלץ.
Malt-horse(מאַ-לט-האָרס) אַ מאַלצ-פערד;
אַ דומ-קאָפּ, אַ נאַר, אַ פעטיוך.
Maltman (מאַ-לטמען) אַ מעלצער.
Maltreatment (מעלטרי-טמענט) שלעכטע
בעהאַנדלונג.
Maltster (מאַ-לטסטער) ז. **Malt-man**.
Malversation(מעלווערסיישאַן) אונגעטרייע
פערוואַלטונג, אונערליכע האַנדלונג.
Mam (מעם) ז. **Mama**.
Mama (מעמאַ) מאַמע, מוטער.
Mamma (מעמאַ) ז. **Mama**.
Mammal (מעממעל) אַ זויג-טהיער.
Mammalogy (מעמעלאָדזשי) דיא לעהרע
איבער דיא זויג-טהיערע.
Mammet (מעממעט) אַ ליאַלקע, אַ פופּע.
Mammiferous (מעמיפעראַס) מיט בריסט,
וואָס האָט בריסט אָדער ציצקעס.
Mammillary(מעממילערי) ציצקע-פערמיג,
וויא אַ ברוסט-נאַפּעל, רונד-בערגעלדיג.
Mammoc (מעממאָק) אַ שטיקעל.
Mammon(מעממאָן) רייכטהום, פערמעגען,
געלט [ה. ממון]; דער גאָט פון געלט.
Mammoth(מעממאָטה) [אַ מין] דער מאַמאָטה
אוראַלטער עלעפאַנט וועלכער עקסיסטירט
שוין מעהר ניט]; זעהר גרויס.
Man (מען) אַ מענש; אַ פערזאָן; אַ מאַן;
אַ משרת, אַ בעדינטער; אַ שיף; אַ שטיין
[אין שאַכ-שפּיעל]; —of war, אַ קריגס שיף;
—of war bird, אַ מין פויגעל [ד. פרעגאַ-
טענפאָגעל]; every—, אַ יעדער, יעדערער;
to a—, ביז איינעם, ביז דעם לעצטען.
Man(מען) בעזעצען מיט מענשען; שטערקען;
to—one's self, פאַסען מוטה, זיך שטערקען.
Manacles (מעניעקלז) האַנד-קייטען.
Manage (מעניעדזש) פיהרען, פערוואַלטען;
אויספיהרן, צו שטאַנד קומען; שוינען, היטען;
בעהאַנדלען; בענדיגען, זאַנפט מאַכען, מאַכען
געלאַסען; איבעראייכקומען; האַנדלען; קלוג-
הייט; ליסטיגקייט.
Manageable (מעניעדזשעבל) בייגזאַם.
Management (מעניעדזשמענט) פערוואַל-
טונג, דיא האַנדלונג; קלוגהייט, ליסטיגקייט.
Manager (מעניעדזשער) אַ פערוואַלטער,
אַן אויפזעהער; אַ ווירטה, אַ בעל-הבית.
Manchet (מענשעט) אַ בולקע, אַ זעמעל.
Man-child(מען-טשאַיילד) אַ יונגעל, בן זכר.
Man-cook (מען-קו-ק) אַ קוכער, אַ קאָך.
Manciple(מענסיפּל) אַ ליעפערער, אַ ליעפע-
ראַנט [וואָס שטעלט צו פּראָוויאַנט].
Mandamos (מענדיימאָס) אַ בעפעהל.
Mandate(מענדייט) בעפעהל; אַ פאָל-מאַכט.
Mandible (מענדיבל) דער קינ-באַק.
Mandrake (מענדרייק) דער שלאָף-עפּעל.
Mandrel(מענדרעל) אַ מאַק-סטיל, אַ טאָק-

שטענגעל [אין וועלכען עס ווערט איינגע- פאסט דיא זאך וואס דארף געטאקט ווערען].

Manducate (מענ'דיוקייט) קייען, עסען.

Mane(מיין) א גריווע [דיא לאנגע האר וואס ליגען הערום דעם האלז פון טהיערע].

Maned (מיינד) מיט א גריווע [ז. Mane].

Manege (מאנעזש, מע'נעדזש) א מאנעזש, א רייט-שולע, א רייט-פלאץ; א מוסטיר-פלאץ; דיא קונסט צו רייטען.

Manes (מיי'ניז) דיא נשמות פון מתים.

Manful (מענ'פול) מענליך, מוטהיג; עדעל.

Manganese (מענגעניז) ברוינשטיין.

Mange (מיינדזש) קרעץ, [ביי טהיערע].

Manger(מיינ'דזשער) א קארעטע[פיר פיה].

Manginess (מיינ'דזשינעס) קרעציגקייט.

Mangle (מענגל) צורייסען, צוברעכען; פער- דארבען, קאליע מאכען; מאנגלען, וועלגערן [וועש]; א וואלאק, א וועש-וועלגער-האלץ.

Mangler (מענג'לער) א פערדארבער, א וועלגערער [וואס וועלגערט גרעט].

Mango (מענ'גאו) דער מאנגא [א מין בוים אדער פרוכט אין אינדיען].

Mangy (מיינ'דזשי) קרעציג, פארכיג.

Man-hater(מען-היי'טער) מענשענ-האסער.

Manhood (מענ'הו-ד) מענליכעס אלטער, מענליכקייט, מוטה; דיא מענשהייט.

Mania (מיי'ניע) וואהנזין; משוגענער צארן.

Maniac(מיי'ניעק) א וואהנזיניגער; וואהנזיניג.

Maniacal(מיינאיי'עקעל) משוגע,וואהנזיניג.

Manifest (מע'ניפעסט) בעקאנט מאכען, א מאניפעסט, אן עפענטליכע ערקלערונג.

Mainifestation (מיניפעסטיי'שאן) דיא בע- קאנטמאכונג, דיא עפענטליכע ערקלערונג.

Manikin (מע'ניקין) א קליין מענשעלע, א קארליק.

Manilla(מעניל'לע) א מין פעדימדיגע שטאף פון בלעטער פון א געוויסער פלאנצע וואס וואקסט אויף דיא פיליפינישע אינזלען.

Maniple (מע'ניפל) א הויפען, א האנד-פול; א האלזטוך פון א גייסטליכען.

Manipulation(מעניפיוליי'שאן) די ארבייטונג מיט דיא הענד, דאס פיהרען מיט'ן האנד; דיא צוברייטונג, דיא צופערטיגונג.

Manis (מיי'גיס) א שופענ-טהיער.

Man-keeper (מען-קי-'פער) א גרויע יא- שטשעריצע.

Mankind(מענקאיינד) דאס מענשליכע גע- שלעכט, דיא מענשהייט [ת. מין האנושי].

Manlike (מענ'לאייק) מענליך, וויא א מאן, העלדיש, מוטהיג, ווירדיג, עדעל.

Manliness (מענ'ליגעס) מענליכקייט, מוטה, מוטהיגקייט, דרייסטקייט; מענליכע ווירדע.

Manly (מענ'לי) ז. Manlike.

Manna(מענ'נע) א מין פערדיכטעטער זאפט פון א בוים וואס ווערט געברויכט אלס מע- דיצין; מאננא, מן.

Manner(מענ'נער) דיא ארט, דיא וויזע, דיא מאניער; א געוואוינהייט, א זיטע, א מנהג; אויפפיהרונג; א זארט.

Mannered (מענ'נערד) געזיטעט.

Mannerism (מענ'נעריזם) איינפערטיגקייט.

Mannerly (מענ'נערלי) וואויל-געזיטעט.

Manners (מענ'נערז) זיטען, דרך-ארץ.

Mannikin (מענ'ניקין) ז. Manikin.

Manning(מענ'נינג) בעזעצונג מיט מענשען.

Mannish(מענ'ניש) מענליך,מוטהיג,העלדיש.

Manœuore(מעניו-וור') א מאנעוורע, א מוס- טיר; א ליסטיגקייט, אן איינפאל; מאכען א מאנעוורע; פיהרען מיט ליסטיגקייט.

Manometer(מענא'מיטער) א לופט-מעסטער.

Manor (מע'נאר) א לאנד-גוט; —house אדער —seat, א הערריענ-הויז, א שלאס.

Manse(מענס) א לאנד-הויז, א פארם; א וואוי- נונג פון א גייסטליכען.

Mansion(מענ'שאן) א הערריענ-הויז, א גרוי- סעס הויז; א וואוינונג; —house, א שלאס; דאס הויז פון א הויכען בעאמטען.

Man-slaughter(מענ-סלא-'טער) טוידטונג.

Mansuetude (מענ'סוּוטיוד) מילדקייט.

Mantel(מענ'טעל) א קאמין, א געזימס אדער

ꬰ פּאָליצע איבער אַן אויווען; ז. Mantle.
Mantelet (מענ׳טעלעט) אַ מאַנטעלע; אַ מין
בעוועגליכע שוץ־וואַנד אין אַ מלחמה.
Man-tiger (מען׳־טאַיי׳גער) דער אָראַנג־אוּ־
טאַנג, דער וואַלד־מענש[אַ מין אָבעזיאַנע].
Mantle (מענטל) אַ מאַנטעל; אַ שלייער, אַן
איבערדעקונג; פערהילען, בעדעקען; זיך
שטערקען, זיך אויסברייטען; זיך שוימען;
זיך איבערציהען, זיך בעדעקען.
Mantle-piece(מענטל׳פּי־ס) אַ קאַמין־געזימס
Mantua (מענ׳טיוע) אַ פרויען־קלייד.
Manual(מע׳ניועל) מיט דער האַנד; אַ לעהר־
בוך,א האַנד־בוך; exercise—, דיא פיהרונג
פון וואַפען, מוסטירען זיך מיט וואַפען;
sign—, אַ האַנד־צייכען, אַן אונטערשריפט.
Manufactory (מעניופעק׳טאָרי) אַ פאַבריק.
Manufacture (מעניופעק׳טשור) מאַנופאַק־
טור; פאַבריטשנע אַרבייט; פאַבריצירען,מאַכן.
Manufacturer (מעניופעק׳טשורער) אַ
פאַבריקאַנט.
Manumission(מעניומיש׳שאָן) פריי־לאָזונג.
Manumit (מעניומיט׳) פריי לאָזען.
Manure (מעניור׳) מיסט; בעמיסטיגען.
Manurer (מעניור׳ער) אַ בעמיסטיגער פון
פעלדער; אַן אַקערמאַן, אַ לאַנד־מאַן.
Manuscript (מע׳ניוסקריפּט) אַ כתב־יד.
Many(מע׳ני) פיעלע; מאַנכע; אַ מענגע, אַ
סך; פאָלק; a man—, ניט איין מענש;
a time—, ניט איין מאָל; times—, פיעלע
מאָל; too—, צו פיעלע.
Map (מעפּ) אַ לאַנדקאַרטע.
Maple(מייפּל). אַ מין צוקער־בוים [ר. קליאָן].
Mappery (מעפּ׳פּערי) דיא מאַכונג אדער
צייכנונג פון לאַנד־קאַרטען.
Mar(מאַר) פערדערבען,בעשעדיגען;שטערען;
צושטערען; אַ פערדערבונג.
Mar-all (מאַר־אָ־ל) אַ צושטערער קאָפּ.
Marasmus (מערעס׳מאָס) שווינדזוכט.
Marand (מערא־ד׳) פּלינדערן, רויבען.
Marble(מאַרבל), מאַרמאָר־שטיין;אַ קייקעלע,
אַ רעטעל; אַ מאַרמאָרנער, פון מאַרמאָר־
שטיין; נאָכגעמאַכט וויא מאַרמאָר; האַרט[אין
כאַראַקטער]; מאַכען מאַרמאָר־פערמיג.
Marcasite(מאַר׳קעסאַייט) מאַרקאַזיט [אַ מין
שוועבעל־זאַמד].
March (מאַרטש) געהן; מאַרשירען; לאָזען
מאַרשירען, זעצען אין מאַרש.
March(מאַרטש) דער גאַנג; אַ מאַרש; דער
מאָנאַט מערץ.
Marcher(מאַר׳טשער) אַ מאַרשירער; אַ גרע־
נעצ־מאַן, אַ גרענעצ־אויפזעהער.
Marches (מאַר׳טשיז) אַ גרענעץ.
Marchioness (מאַר׳שאָנעס) אַ מאַרקיזין.
Marchpane (מאַרטש׳פּיין) מאַרציפּאַנען
[אַ מין געשמאַקעס צוקער־געבעק].
Mare (מע־ר) אַ קליאַטשע.
Margay (מאַר׳גיי) דיא טיגער־קאַץ.
Margin (מאַר׳דזשין) אַ ברעג; אַ ראַנד [פון
אַ בוך—ת. גליון הספר].
Marginal (מאַר׳דזשינעל) וואָס שטעהט
אויפ׳ן ראַנד, וואָס איז געשריבען אדער
געדרוקט אויפ׳ן גליון פון אַ ספר.
Marigold (מע׳ריגאָולד) דיא גאָלד־בלום.
Marine (מעריין׳) זעעאיש; דיא מאַרין, דיא
פאַהרט אויפ׳ן ים; סאָלדאַטען־דיענסט אויפ׳ן
ים; אַ פלאָט; אַ מעער־סאָלדאַט; Marines,
דיא זעע טרופּען, ים־סאָלדאַטען.
Mariner (מע׳רינער) אַ זעע־מאַן.
Marital(מע׳ריטעל) וואָס געהערט צו אַ בע־
ווייבטען מאַן.
Maritime(מע׳ריטים) זעעאיש, וואָס געהערט
צו דער זעע; וואָס ליעגט ביי דער זעע.
Mark (מאַרק) אַ צייכען, אַ קענ־צייכען, אַ
מערק־צייכען; אַ ציעל; אַ נאַכריכט; אַ
מאַרק [אַ מטבע]; צייכנען,בעצייכנען;מער־
קען, בעמערקען, אַכט געבען.
Market(מאַר׳קעט) א מאַרק־פּלאַץ; אַ מאַרק,
אַ פערקויף־פערזאַמלונג, אַ יאָהר־מאַרק, אַ
יריד; דער פערקויף, דער אָבגאַנג; דער
פּרייז; קויפען, פערקויפען, האַנדלען.

Marketable` (מאַרקעטעבל) גאַנגבאַר.
Marketing (מאַרקעטינג) דער איינקויף.
Markman (מאַרק'מען) אַ גוטער שיסער.
Marksman (מאַרקס'מען) ז. Markman.
Marl(מאַרל) רוכליאַק, מערגעל=ערד [אַ מין
פעטע ערד צום בעמיסטיגען].
Marly(מאַר'לי) מערגעל=אַרטיג, וויא מערגעל=
ערד; וואָס ענטהאַלט מערגעל=ערד.
Marmalade (מאַר'מעלייד) מאַרמעלאַדע [אַ
מין פרוכט=איינגעמאַכטס].
Marmorean (מאַרמאָרריען) אַ מאַרמאָרנער.
Marmot (מאַר'מאָט) דאָס מורמעל טהיער.
Maroon (מערו-ן) אַן ענטלאָפענער נעגער=
שקלאַף; אַוועגלויפען אויף אַן אונבעוואוינטע
אינזעל.
Marque (מאַרק) אַן ערלויבניס פּאַפּיער צו
כאפּען פיינדזעליגע שיפען אויפ'ן ים.
Marquee (מאַר'קי-) אַ גרויסעס פעלד.
Marquess (מאַר'קעס) ז. Marquis.
Marquetry(מאַר'קעטרי) מאָזאַאיקע, איינגע=
לעגטע ארבייט [פון פערשידענע שטיקלאַך].
Marquis (מאַר'קוויז) אַ מאַרקיז.
Marrer (מאַר'רער) אַ פערברעכער.
Marriage (מער'רידזש) הייראַטה; חתונה.
Marriage-articles (מער'רידזש=אַר'טיקלז)
אַ הייראַטהס פערטראַג; אַ כתובה.
Marriage-portion (מער'רידזש=פּאָור'שאָן)
מיט=גיפט, נדן.
Married(מיַר'ריד) פערהייראַטהעט, עהעליך.
Marrow(מער'ראָו) דאָס מארך; דאָס וועזען.
Marrow-bone (מער'ראָו=באָון) דאָס מאַרכ=
ביין; Marrows, דיא קניע.
Marrow-fat(מער'ראָו=פעט) גרויסע ענגלישע
אַרבעס.
Marrowless (מער'ראָולעס) אָהן מאַרך.
Marry(מער'רי) פערהייראַטהען, טרויען, געבען
טרויאונג, חתונה מאכען; הייראַטהען, זיך
פערהייראַטהען, חתונה האָבען.
Mars(מאַרס) דער פּלאַנעט מאַרס[אַזאַ שטערן
—ה. מזל מאדים]; דער גאָט פון קריג.

Marsh (מאַרש) אַ פּלאָטע, אַ זומפּ.
Marshal(מאַר'שעל) אַ הויפּט=קאָמאַנדיר, אַ
מאַרשאַל; אָרדנען, ברײנגען אין אָרדנונג.
Marshy (מאַר'שי) בלאָטיג, זומפּיג.
Mart(מאַרט) אַ מאַרק, אַ האַנדעלס פּלאַץ;
האַנדלען, פערהאַנדלען.
Martello (מאַרטעל'לאָו) אַ רונדע פעסטונג.
Marten(מאַר'טען) אַ מאַרדער [אַזאַ טהיער].
Martial(מאַר'שעל) קריגעריש, וואָס געהערט
צו מלחמה; מוטהיג, העלדיש; law—, קריגס
רעכט, קריגס געזעץ.
Martin (מאַר'טין) ז. Marten.
Martinet (מאַר'טינעט) מויערשוואַלבע.
Martingal(מאַר'טינגעל) דאָס קירעווע=רימען
[צו קירעווען אַ פערד]; אַ מין שיפּ=מאַסט
אָדער שטאַנג [ד. מאַרטענשטאַנג].
Martlet (מאַר'טלעט) ז. Martinet.
Martyr(מער'טאָיר) אַ מאַרטירער; מאַרטערן.
Martyrdom (מער'טאָירדאָם) אַ מאַרטירער=
טוידט, אַ טוידט אויף קדוש השם.
Marum(מיי'ראָם) קאַץ=קרויט[אַזאַ פלאַנצע].
Marvel(מאַר'וועל) אַ וואונדער; זיך וואונדערן.
Marvellous (מאַר'וועלאָס) וואונדערבאַר,
ערשטוינליך, צום שטוינען.
Mary-bud (מע'רי=באָד) ז. Marigold.
Masculine(מעס'קיולין) מענליך; מאַנהאַפט.
Mash(מעש) אַ געמיש, אַ ברייע; אַ מיש=מאַש;
קלייוואַסער; געמישטער מאַלץ; מישען; צו=
שטויסען, צוקוועטשען; זיך ליעבלען [וויא
אַ בחור מיט אַ מיידעל].
Mashy (מע'שי) פערמישט; צוקוועטשט.
Mask(מעסק) אַ מאַסקע; דער שיין, דאָס אָנ=
זעהן; אַ מאַסקענ=באַל; מאַסקעראַד; מאַסקי=
רען; פערשטעלען; זיך פערשטעלען.
Masker (מעס'קער) אַ מאַסקירטע פערזאָן.
Mason (מייסן) אַ מויערער; אַ פריי=מויערער.
Masonic (מעסאָ'ניק) פריי=מויערערטהום.
Masonry (מייסאָנ'רי) מויער=ווערק, מויער=
אַרבייט; פריי=מויערעריי.
Masora (מעסאָ'ראַ) דיא מסורה [פון תנ״ך].

Masquarade (מעס'קערייד) אַ מאַסקעראַד; זיך מאַסקירען.

Masquerader (מעסקעריי'דער) ז. Masker.

Mass (מעסס) אַ מאַסע, א הויפען; אַ גע־דרענג; דיא מעסע [אַ קירכענ־דיענסט].

Massacre (מעס'סעקער) אַ בלוט־באַד; אומ־בריינגען.

Massive (מעס'סיוו) שווער; דיק; פעסט.

Mast (מעסט) אַ מאַסט [פון אַ שיף]; אַ שטאַנג; בעזאָרגען מיט מאַסטען.

Master (מעס'טער) אַ הערר, אַ בעל־הבית; אַ בעזיצער; אַ שול־לעהרער; אַ מייסטער; מייסטערש, מייסטערליך, הויפט; —at arms, אַ געוועהר־קאַפּיטאַן; —of arts, אַ מאַגיס־טער [אַ טיטעל פון געלעהרזאַמקייט]; to be a—of...., זיין הערר איבער; בעהער־שען, איבערוועלטיגען; גוט וויסען, גוט קענען, זיין מעכטיג אין עפּעס.

Masterless (מעס'טערלעס) אָהן אַ הערר, אָהן אַ בעל־הבית; וואָס לאָזט זיך ניט בייגען.

Master-load (מעס'טער־לאָוד) דיא הויפט־אָדער פון אַ מעטאַל, דאָס הויפט צייכען פון אַ מעטאַל [אין אַ מעטאַל־גרוב].

Masterly (מעס'טערלי) מייסטערהאַפט; מייס־טערליך, קונציג.

Master-mover (מעס'טער־מרווער) אַ הויפט־בעוועגער, דיא הויפט־טרייב־פעדער.

Mastership (מעס'טערשיפּ) מייסטערשאַפט; הערשאַפט, געוואלט; פאָרטרעפליכקייט; גע־שיקליכקייט; פאָלקאָמענע קענטניס.

Mastery (מעס'טערי) ז. Mastership.

Mastic (מעס'טיק) מאַסטיקס [אַ מין גומע].

Mastication (מעסטיקיי'שאָן) דאָס קייען.

Masticatory (מעס'טיקייטאָרי) אַ קיי־מיטעל.

Mastich (מעס'טיק) ז. Mastic.

Mastiff (מעס'טיף) בול־דאָג, אַ קייטענ־הונד.

Mastless (מעסט'לעס) אָהן מאַסטען [אַ שיף].

Mastoid (מעס'טאָיד) ציצקע־פערמיג.

Mat (מעט) אַ ראָגאָזשע; בעדעקען מיט ראָ־גאָזשע; פערפלעכטען; אַניעדערלעגען.

Matadore (מע'טעדאָור) דער טוידט־שלעגער פון דעם אָקס אין דעם אָקסענ־קאַמפף; מאַ־טאַדאָר [איינע פון דיא דריי הויפּט־קאָרטען אין דער אָמבער־שפּיעל אָדער קאָדריל־שפּיעל אין קאָרטען].

Match (מעטש) אַ שוועבעלע; דער צינד־שטריק פון אַ קאַנאָן; אַ וועט, אַ וועט־שטרייט, אַ קאַמפף; אַ גלייכער, אַ פּאַסענדער; דער אויס־וואַהל; אַ פּאַרטיי, אַ שדוך; שוועבעלן; פער־גלייכען; זיך אימעצן געגנען; פּאָאָרען, צוזאַ־מענפּאַסען; אָבמעסטען; פערהייראַטהען; פּאַסטען, הייראַטהען.

Matchless (מעטש'לעס) אונפערגלייכליך.

Match-lock (מעטש'־לאָק) אַ פלינט; דער שלאָס פון אַ פּלינט וועלכער צינדט איהר אָן.

Match-maker (מעטש'־מיי'קער) אַ פּאַברי־קאַנט פון שוועבעלאַך; אַ שדכן.

Mate (מייט) אַ געזעל, אַ חבר; אַ מאַן, אַ ווייב; אַ געהילף; מאַט [אין שאַך־שפּיעל]; פער־גלייכען; פערהייראַטהען, פערבינדען; זיך שטעלען געגען עפּעס; מאַכען מאַט [אין שאַך־שפּיעל]; אונטערדריקען.

Mateless (מייט'לעס) אָהן אַ חבר, אָהן אַ געזעל, אָהן אַ געהילף.

Material (מעטיי'ריעל) מאַטעריעל, קער־פּערליך, מגושם; וויכטיג; מאַטעריאַל, שטאָף.

Materialism (מעטיי'ריעליזם) דאָס גלויבען אַז עס גיבט קיין נשמה בעזונדער פון גוף; דאָס גלויבען נאָר אין קערפּערליכע זאכען.

Materialist (מעטיי'ריעליסט) איינער וואָס גלויבט ניט דאָס עס גיעבט אַ נשמה בע־זונדער פון אַ גוף; איינער וואָס האַלט נור פון גשמיות.

Materialize (מעטיי'ריעלאַייז) מאַטעריאַלי־זירען, פערקערפּערן, מגשם זיין.

Maternal (מעטאָיר'נעל), —ly מוטערליך.

Mat-grass (מעט'־גרעס) נערוועג־גראָז.

Math (מעטה) דיא אָפּקאָסונג [פון היי].

Mathematic (מעטהימע'טיק) מאַטהעמאַטיש

Mathematician (מעטהימעטיי'שען) אַ מאַ־טהעמאַטיקער, אַ בעל־חשבון.

Matin (מעטין) פון מאָרגען, דער פריה-מאָרגען; דאָס מאָרגען-געבעט.

Matinee (מעטיני-) אַ טהעאַטער-שפּיל אָדער קאָנצערט וואָס ווערט געגעבען ביי-טאָג.

Matins (מע'טינז) דיא מאָרגען-געבעט.

Matrass (מעט'רעס) אַ דיסטילירגלאָז, דער ברענ-קאָלבען [אַ כעמישעס געשיר].

Matress (מעט'רעס) ז. Mattress.

Matrice (מעט'ריס) ז. Matrix.

Matricide (מעט'ריסאַייד) אַ מוטער-מערדער.

Matriculate (מעטרי'קיולייט) איינשרייבען, הערייננטראָגן אין שול-בוך; אַן איינגעשריבענער, אַ הערייננגעטראָגענער אין שול-בוך.

Matrimony (מעט'רימאָני) הייראַטה, היירַאטהשטאַנד, פערהייראַטהעטעס לעבען.

Matrix (מעט'ריקס) דיא געבעהר-מוטער [ביי פרויען]; דיא מעטאַל-מוטער [אין מעטאַל-גריבער]; אַ מאַטריץ, אַ פורים.

Matron (מעט'ראָן) אַ מאַטראָנע, אַן ערהאַבענע פרוי; אַ מוטער, אַן אויפזעהערין, אַן אַם.

Matronage (מעט'ראָנעדזש) דער פרויענשטאַנד; דאָס אַמט פון אַן אויפזעהערין אָדער אַם; פרויען, ווירטהינען, בעלי-הבית'טעס.

Matron-like (מעט'ראָן-לאַייק) בעיאָהרטע.

Matronly (מעט'ראָנלי) ז. Matron-like.

Matross (מעטראָס') אַ האַנדדערלאַנגער, אַ צוהעלפער [ביי אַ קאַנאָן].

Matte (מעט) שוואַרצער קופער; אַ מין טהעע-פלאַנצע [אין זיד-אַמעריקאַ].

Matter (מעט'טער) שטאָף, מאַטעריע; אַ זאַך, אַן אַנגעלעגענהייט, אַן עסק; די וויכטיגקייט; אייטער [פון אַ וואונד]; זיין וויכטיג, אויסמאַכען; no —, עס מאַכט ניט אויס.

Matterless (מעט'טערלעס) אָהן שטאָף.

Mattery (מעט'טערי) אייטערדיג.

Matting (מעט'טינג) אַ שטרוי-דעקע.

Mattock (מעט'טאָק) אַ ברעכאייזען.

Mattress (מעט'רעס) אַ מאַטראַץ.

Maturate (מע'טיורייט) צייטיג ווערען; צייטיג מאַכען; אייטערן [פון אַ געשוויר].

Mature (מעטיור') צייטיג, רייף; געזונד, שטאַרק; רייף ווערן, צייטיג ווערען; צייטיג מאַכען; פאָלשטענדיגען, פאָלענדען.

Matutinal (מעטיוטאַיי'נעל) מאָרגענדיג.

Maudlin (מאָ-ד'לין) בעטרונקען; דום.

Maugre (מאָ-'גער) טראָץ, געגען.

Maukin (מאָ-'קין) ז. Malkin.

Maul (מאָ-ל) ז. Mall.

Maul-stick (מאָ-ל'-סטיק) ז. Mostick.

Maw (מאָ-) דער מאָגען [פון חיות]; דער קראָפּ, דיא וואָליע [פון פויגלאַך].

Mawkish (מאָ-'קיש) עקעלהאַפט, ווידערליך.

Mawmish (מאָ-'מיש) דום, נאַריש; פוסטע שטאָלץ, נאַריש-שטאָלץ [אויף פוסטע זאַכען]

Maw-worm (מאָ-'-וואָירם) דער מאָגען-וואָרים, אַ בויך-וואָרים; אַ פערשטעלטער מענש.

Maxim (מע'קסים) אַ רעגעל, אַ פּרינציפּ.

Maximum (מעק'סימאָם) דער העכסטער גראַד.

May (מיי) מעגען, קענען; מעגליך זיין; הלואי; be —, עס איז מעגליך; אפשר.

May (מיי) דער מאָנאַט מאַי; דער פריהלינג פון לעבען, דיא בליטהע פון יוגענד.

May-bloom (מיי'-בלו-ם) די ווייסדאָרנ-בלום, דיא ווייסדאָרנבליטהע, מאַי-קווייטלאַך.

May-bug (מיי'-באָג) מאַיקעפער [אַזאַ פליג].

May-bush (מיי'-בוש) ז. May-bloom.

May-day (מיי'-דיי) דער ערשטער מאַי.

Mayhem (מיי'עם) דאָס צו-וואונדען.

May-morn (מיי'-מאָרן) דיא יוגענד-צייט.

Mayor (מיי'אָר) אַ בירגער-מייסטער.

May-pole (מיי'-פּאָול) דער מאַי-בוים; אַ הויכער פלאָקען; אַ טאַנצ-פלאָקען [הערום וועלכען מען טאַנצט דעם ערשטען מאַי].

Mazard (מע'זערד) דער קינ-באַקען; אַ מין שוואַרצע קאַרשען.

Mazarine (מעזערין') דונקעל-בלויער קאָלאָר.

Maze (מייז) דער לאַבירינטה [ז. Labyrinth]; דיא צומישונג, דיא פערלעגענהייט; צומישען, זעצען אין פערלעגענהייט.

Mazology (מעזאָ'לאָודזשי) ז. Mammalogy.
Mazy (מייזי) צומישט, פערפלאָנטערט.
Me (מי) מיך, מיר.
Meacock (מי-'קאָק) אַ ווייכלינג, אַ טרוס.
Mead (מי-ד) מעד; אַ לאָנקע, אַ גראָז=פּלאַץ.
Meadow (מי-'דאָו) אַ לאָנקע, אַ גראָז=פּלאַץ.
Meagre (מי-'גער) מאָגער, דאַר, אויסגיצעהרט; אָרם, עלענד, שלעכט.
Meal (מי-ל) אַ מאָהלצייט; מעהל [ה. קמח].
Meal-man (מי-ל'=מען) אַ מעהל=הענדלער.
Meal-time (מי-ל'=טאַיים) דיא עסענ=צייט.
Meal-tub (מי-ל'=טאָב) אַ מעהל=קאַסטען.
Mealy (מי-'לי) מעהליג; פּעלציג; בעשטויבט.
Mealy-tree (מי-'לי=טרי-) מעהל=בוים.
Mean (מי-ן), —ly ניעדערטרעכטיג; געמיין; שלעכט; קאַרג, גייציג; מיטעלמעסיג; מיינען; דענקען; פערשטעהן; בעדייטען.
Meander (מיען'דער) אַן אויסגעדרעהטער דורכגאַנג; זיך דרעהען, זיך אויסדרעהען.
Meaning (מי-'נינג) אַ מיינונג, אַ געזינונג, אַן אַבזיכט, אַ כונה; אַ בעדייטונג, אַ זין.
Means (מי-נז) אַ מיטעל, מיטלען.
Meant (מענט) פ. צ. און פּצ. פון Mean: געמיינט, געדענקט או. אַז. וו.
Meantime (מי-נ'טאַיים) אונטערדעסען.
Mease (מי-ז) דיא צאָהל פון 500 הערינגע.
Measles (מי-זלז) מאָזלען; אַ מין שווייגע=קראַנקהייט; אַ מין קראַנקהייט פון בוימער.
Measurable (מע'זשורעבל) מעסבאַר, מעסיג.
Measure (מע'זשור) אַ מאָס; אַ מאָסרעגעל, אַ מיטעל; מאָס, טאַקט [אין מוזיק]; דאָס זילבענ=מאָס [אין אַ שיר]; דיא צאָהל; פעהיגקייט; מעסטען, אויסמעסטען; זיין גרויס, ענטהאַלטען; in some— אייניגער מאָסען, out of— אָדער beyond all—, איבער דיא מאָסען, אויסער=אָרדענטליך.
Measureless (מע'זשורלעס) אונערמעסליך.
Meat (מי-ט) פלייש; שפּייז.
Meat-ball (מי-ט'=באָ-ל) אַ פלייש=קניידעל.
Meathe (מי-דה) אַ געטרענק.

Meat-offering (מי-ט'=אָפ'פערינג) אַ פלייש=אָפּפער, אַ בלוט=אָפּפער.
Meat-pie (מי-ט'=פּאַיי) אַ פלייש=קוכען.
Mechanic (מיקע'ניק) מעכאַניש; מאַשינענ=אַרטיג, אַ מעכאַניק; אַ בעל=מלאכה.
Mechanical (מיקע'ניקעל) מעכאַניש.
Mechanician (מיקעניישען) אַ מעכאַניק.
Mechanism (מק'קעניזם) דער בוי פון מאַ=שינען, דער מעכאַניזמוס.
Mechanist (מע'קעניסט) אַ מעכאַניק.
Mechlin (מעק'לין) אַ סאָרט באַנד.
Medal (מע'דעל) אַ מעדאַל, אַ מטבע.
Medalist (מע'דעליסט) אַ מינצענ=קענער.
Medallion (מידעל'ליאָן) אַ מעדאַליאָן.
Meddle (מעדל) זיך מישען אין; זיך אָבגעבען מיט; טרעטען צווישען, הערייננקומען צווישען; with—, אַנריהרען.
Meddler (מעדל'ער) אַן אינטריגאַנט.
Mediæval (מידיאיי'וועל) מיטעל=אַלטערליך.
Mediate (מי'דיאייט) מיטעלבאַר, מיטעל, צווישען; זיך לעגען אין מיטען; פערמיטלען.
Mediation (מידיאיישאָן) פערמיטלונג.
Mediator (מי'דיאייטאָר) אַ פערמיטלער.
Mediatrix (מידיאייטריקס) אַ פערמיטלערין.
Medicable (מע'דיקעבל) הייל‌באַר.
Medical (מע'דיקעל) מעדיציניש, ערצטליך.
Medicament (מע'דיקעמענט) אַ הייל=מיטעל.
Medicaster (מע'דיקעסטער) אַ שלעכטער אַרצט, אַן אונוויסענדער דאָקטאָר.
Medicate (מע'דיקייט) מישען מיט מעדיצין.
Medicinable (מעדיי'סינעבל), —ly ערצטליך, מעדיציניש, הייזאַם, קרעפטיג.
Medicinal (מעדיי'סינעל) ז. Medicinable.
Medicine (מע'דיסין) מעדיצין, רפואות; דיא מעדיצינ=לעהרע, קורירען, געבען רפואות.
Mediocre (מי'דיאָוקער) מיטעלמעסיג.
Mediocrity (מידיאָק'ריטי) מיטעלמעסיגקייט.
Meditate (מע'דיטייט) זינען, דענקען, וועגען עפּעס; איבערלעגען, בעטראַכטען, בעזינען.
Meditative (מע'דיטייטיוו) דענקענד, נאָכדענ=קענד, בעטראַכטענד.

Mediterranean (מעדיטעררײ'ניען) מיטעל= לענדיש; sea —, דער מיטעל=לענדישער ים [ת. ים התיכון, ים הגדול].
Medium (מי'דיאָם) דער מיטען; אַ מיטעל; פערמיטלונג; אַ מיטעלס פערזאָן [וואָס דורך איהר הילף ווערט אויפגעטהאָן אַ געוויסע זאַך—איבערהויפט צויבער=זאַכען]; אַ סאָרט דרוק=פּאַפּיער פון מיטעלער גרויס:
Medley (מעד'לי) אַ געמיש; געמישט.
Medullar (מעדאַל'לער) ז. Medullary.
Medullary (מעדאַל'לערי) מאַרכיג.
Meed (מי-ד) אַ לוין, אַ בעלוינונג.
Meek (מי-ק) זאַנפט, דעמיטהיג, קליין ביי זיך; spirited —, ווייכ=הערציג.
Meeken (מי-קן) בעזענפטיגען, ווייך מאַכען.
